**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט געווינער פון די 5 ביז 11 יעריגע #VaxForKids סטיקער מוסטער פארמעסט**

***איניציאטיוו איינגעפירט איף סאָושעל מידיע צו באקאנט מאכן די וויכטיגקייט פאר ניו יארקער יוגנטליכע זיך צו וואקסינירן***

***מוסטערן זענען אריינגעגעבן געווארן דורך עלטערן און אויפציער געמאכט דורך זייערע קינדער***

***ריכטער פאנעל באשטייט פון ׳וואקסיניר, אינפארמיר, גראדויר׳ SUNY/CUNY סקאָלערשיפ פראגראם געווינער; סך הכל 9 געווינער***
***זעט די געווינענדע מוסטערן [דא]***

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט געווינער פון דער ניו יארק סטעיט 5 ביז 11-יעריגע #VaxForKids סטיקער מוסטער פארמעסט. דער פארמעסט איז איינגעפירט געווארן צו העכערן קאָוויד-19 וואקסינאציע צווישן ניו יארקער יוגנטליכע. עלטערן און אויפציער האבן אריינגעגעבן מוסטערן איף סאָושעל מידיע געמאכט דורך זייערע קינדער.

״קאנגראטולאציעס צו אונזער אויסגעצייכנטע #VaxForKids פארמעסט געווינער, וועמענס קלעבצעטל מוסטערן וועלן אינספירירן נאך מער ניו יארקער זיך צו וואקסינירן קעגן קאָוויד-19 אזוי ווי אייך,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך דאנק אייך און אייערע פאמיליעס פאר׳ן זיך וואקסינירן, האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט, און שטאלצערהייט אויסרופן די וויכטיגקייט פון וואקסינאציע דורך אייערע אייגנארטיגע מוסטערן. איבער 1.68 מיליאן קינדער פון 5 ביז 17 זענען שוין וואקסינירט געווארן, און איך מוטיג אלע עלטערן און אויפציער צו פארזיכערן אז זייערע קינדער ווערן וואקסינירט און מיטהאלטן מיט אלע רעקאמענדירטע דאזעס. דער לעבנס-רעטנדער וואקסין זעצט פאר ווייטער צו זיין דער בעסטער באשיצונג קעגן דעם ווירוס און שווערע קראנקהייט.״

דער ריכטער פאנעל איז באשטאנען פון די סטעיט׳ס ׳וואקסיניר, אינפארמיר, גראדויר׳ SUNY/CUNY סקאָלערשיפ געווינער, און ניין געווינער זענען אויסגעוועלט געווארן איבער׳ן סטעיט. די געווינענדע קלעבצעטל מוסטערן געפונען זיך עפנטליך איף דער סטעיט׳ס [#VaxForKids הילפס-מיטל בלאט], און סיי וועלכע ארגאניזאציע וועלכע פירט איין א וואקסין פראגראם קען דאונלאד׳ען און אויסטיילן די קלעבצעטלעך איף זייער וועבזייטל.

**געווינער פון ניו יארק סטעיט׳ס #VaxForKids קלעבצעטל מוסטער פארמעסט זענען:**

- טעסא סי. 9, קאפיטאל ראיאן
- סאפיע דזשעי., 13, צענטראל ניו יארק

- עליזא דזשי., 7, פינגער לעיקס
- ראוואן סי., 10, לאנג איילענד
- בעקעט סי., 6, מיטל-הודסאן
- סאשא על., 9, ניו יארק סיטי
- מילענא פי., 9, ניו יארק סיטי
- סוזען דזשי., 11, סאוטערן טיער
- האנא עף. מערב ניו יארק

**סטעיט העלט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״דאס מיטטיילן אונזער אייגענער וואקסין געשיכטע קען העלפן א צווייטן מאכן דעם באשלוס זיך צו וואקסינירן מיט קאנפידענץ. איך אפלאדיר די עלטערן, אויפציער און קינדער וועלכע האבן אנטיילגענומען אין אונזער #VaxForKids קלעבצעטל פארמעסט, און גראטוליר אלע אונזערע געווינער פאר זייער ארבעט. צוליב די 1.68 מיליאנען קינדער וועלכע האבן צוגעטרעטן זיך צו וואקסינירן, אונזערע סקולס, שטובער און קאמיוניטיס זענען בעסער באשיצט פון דעם ווירוס און די ערגסטע תוצאות דערפון. איך מוטיג אלע עלטערן און אויפציער צו פארזיכערן אז זייערע קינדער ווערן פולשטענדיג וואקסינירט קעגן קאָוויד-19 ווי פריער מעגליך.״

דער סטעיט האט לעצטנס איינגעפירט א סעריע אונטערנעמונגען צו העכערן וואקסינאציע און בוסטער ראטעס צווישן בארעכטיגטע קינדער און יוגנטליכע. ביז היינט זענען איבער 261 פּאַפּ-אָפּ פלעצער אוועקגעשטעלט געווארן דורך דער סטעיט׳ס #VaxForKids פראגראם, נאכפאלגנדיג איבער 235 פלעצער אוועקגעשטעלט דורך דעם #VaxtoSchool קאמפיין. לויט CDC דאטא ראנקירט איצט ניו יארק סטעיט ערשט פאר פולשטענדיג וואקסינירטע 12 ביז 17 יעריגע און צווייט פאר פולשטענדיג וואקסינירטע 5 ביז 11 יעריגע צווישן גרעסערע סטעיטס. ביז מערץ 23, האבן 41.9 פראצענט קינדער 5 ביז 11 און 82.3 פראצענט יוגנטליכע 12 ביז 17 שוין באקומען וויניגסטנס איין דאזע און 35.4 פראצענט פון קינדער 5 ביז 11 און 72.4 פראצענט פון יוגנטליכע 12 ביז 17 האבן שוין פארענדיגט זייער ערשטער וואקסין סעריע. עלטערן און אויפציער ווערן געמוטיגט צו באזוכן [ny.gov/VaxForKids] פאר מער אינפארמאציע און הילפס-מיטלען איבער דעם קאָוויד-19 וואקסין און קינדער.

קינדער פינף יאר און העכער זענען בארעכטיגט פאר דעם פייזער-בייאונטעק קאָוויד-19 וואקסין. ביז [יאנואר 7, 2022], זענען יוגנטליכע 12 און העכער בארעכטיגט פאר א בוסטער דאזע פון דעם פייזער-בייאונטעק וואקסין וויניגסטנס פינף חדשים נאכ׳ן פארענדיגען זייער ערשטע וואקסין סעריע. אין צוגאב זענען קינדער פון 5 ביז 11 מיט געוויסע אימיון-אפגעשוואכטע צושטאנדן בארעכטיגט פאר נאך א דאזע פון דעם פייזער-בייאונטעק וואקסין וויניגסטנס 28 טעג נאכ׳ן פארענדיגן זייער ערשטע וואקסין סעריע.

דער קאָוויד-19 וואקסין איז אומזיסט און ברייט צו באקומען איבער׳ן גאנצן סטעיט, אריינגערעכנט ביי איבער 2,000 לאקאציעס וואס אדמיניסטרירן דער וואקסין פאר קינדער. אלע [סטעיט מאסן וואקסינירונג פלעצער] אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר קינדער פינף יאר און העכער, בוסטער דאזעס פאר ניו קינדער 12 יאר און העכער, און נאך דאזעס פאר אימיון-אפגעשוואכטע קינדער פון פינף יאר און העכער. אין צוגאב צו דער סטעיט׳ס פּאַפּ-אָפּ און מאסן וואקסינאציע פלעצער, קענען ניו יארקער באזוכן [vaccines.gov], טעקסט׳ן זייער זיפ קאוד צו 438829, אדער רופן 1-800-232-0233 צו געפונען דערנעבנדע לאקאציעס. עלטערן און אויפפאסער קענען זיך אויך פארבינדן מיט זייערע קינד׳ס פעדיאַטרישען, פאמיליע דאקטער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס (FQHC׳ס), רורעל העלט צענטערס, אדער פאַרמאַסיס וועלכע קענען מעגליך אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר דער עלטער גרופע. מאכט זיכער אז דער פראוויידער טוט אנבאטן דעם פייזער-בייאָונטעק קאוויד-19 וואקסין.

עלטערן און אויפציער ווערן דערמוטיגט זיכער צו מאכן אז זייער קינד איז אפ-טו-דעיט אויף אלע רעקאמענדירטע און געפאדערטע וואקסינאציעס, אריינגערעכנט דער פלו וואקסין. ביטע באזוכט דעם העלט דעפארטמענט׳ס וועבזייטל פאר מער אינפארמאציע אויף רעקאמענדירטע קינדהייט און יוגנטליכע אימוניזאציעס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן